בעזרת השם יתברך

גליון

# סיפורי מעשיות

פארן שבת טיש

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת עקב

י"ח אב ה'תשפ"ג

שנה 4, גליון 21, (108)

שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.

## אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בִּשְׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר פִינְף יָאר. דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער. דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט מִיטְגֵיין מִיטְ'ן בֶּעטְלֶער, הָאט דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי גֶעזָאגְט מֶען קֶען נִישְׁט מִיטְקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעווּאוּנְטְשְׁן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִים.

נָאכְדֶעם וֶוען דִי בְּרוֹיט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ בֶּעטְלֶער. אַזוֹי הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל, מִיט זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס; אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, אַ טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער, אֵיינֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס. שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן וַואלְד, וֶוען זֵיי זֶענֶען גְרוֹיס גֶעוָוארְן הָאט מֶען זֵיי מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט.

בַּיים 'עֶרְשְׁטְן טָאג' פוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאבְּן זִיךְ דִי חָתָן כַּלָּה אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּענְקֶען צוּ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט צוּ אִים רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה, אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ, אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין בְּלִינְד, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט בְּלִינְד, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט וֶוערְד אִיךְ זָאל קוּקְן אוֹיף אִיר.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶעם 'צְוֵוייטְן טָאג' פוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת:

> אִין דֶעם אַנְדֶערְין טָאג פוּן שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה. הָאבִּין זִיךְ דִי חָתָן כַּלָּה ווִידֶער דֶערְמַאנְט. אִין דֶעם אַנְדֶערְין בֶּעטְלֶער. וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ טוֹיבֶּער וָואס עֶר הָאט זֵיי מְחַיֶּה גִיוֶוען. אוּן הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין בְּרוֹיט. אוּן זֵיי הָאבִּין גְוֵויינְט אוּן גִיבֶּענְקְט. ווִי נֶעמְט מֶען דָא אַהֶער דֶעם טוֹיבִּין בֶּעטְלֶער וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְחַיֶּה גִיוֶוען. דֶערְוַוייל. ווִי זֵיי הָאבִּין אַזוֹי גִיבֶּענְקְט נָאךְ אִים. דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין. אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא. אוּן אִיז אוֹיף זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ אַז אִיר זָאלְט לֶעבִּין. אַזוֹי אַ חַיִּים טוֹבִים (כְּלוֹמַר אַ גוּט לֶעבִּין) אַזוֹי ווִי אִיךְ. וָוארִין פְרִיר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט דֶערְמִיט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ מַיין חַיִּים טוֹבִים בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק.

## דִי שִׁבְעָה נֵרוֹת

דָא שְׁטֵייט אַ ווִיכְטִיגֶע יְסוֹד, וָואס פוּן דֶעם אַלֵיינְס קֶען מֶען רֶעדְן אוּן רֶעדְן. דִי דְרֵיי בֶּעטְלֶערְס, דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער אוּן דֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, הָאבְּן זִיךְ מוֹרָא'דִיג אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט צוּ הֶערְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כא) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַדֵּשׁ דִי שִׁבְעָה נֵרוֹת, עֶר הִיט זַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל, דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר?

אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ קֶען טְרַאכְטְן 'וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דֶעם, אִיךְ הֶער אוֹיס אַלֶע שְׁטוּתִים, לֵיצָנוּת, לָשׁוֹן הָרָע אוּן רְכִילוּת', גֶעבְּט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַן עֵצָה, עֶר זָאל טוּן דָאס וָואס דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט צוּ דֶעם. זָאג פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן מַיינֶע אוֹיעֶרְן, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק", וֶועט עֶר עֶס בַּאקוּמֶען אַלְס דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק, עֶר וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם.

## אוּן דֶער בֶּעטְלֶער רוּפְט זִיךְ אָן:

> אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין טוֹיבּ. אִיךְ בִּין גָאר נִיט טוֹיבּ. נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. טְרֶעפְט בַּיי מִיר גָאר נִיט אָן אַז אִיךְ זָאל הֶערִין זֵייעֶר חִסָּרוֹן. וָוארִין גָאר אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת. וָוארִין אִיטְלִיכֶער שְׁרַייט אוֹיף זַיין חִסָּרוֹן. דְהַיְינוּ אוֹיף דֶעם וָואס סֶע גֵייט אִים אָפּ. אוּן אֲפִילוּ אַלֶע שִׂמְחוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת. וָואס מֶע פְרֵייט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס סֶע אִיז אִים אָפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הַיינְט הָאט עֶר דָאס וָואס סֶע אִיז אִים אָפְּגִיגַאנְגֶען.

יֶעדֶער אֵיינֶער רֶעדְט פוּן חֶסְרוֹנוֹת, אֲפִילוּ וֶוען מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן אַ שִׂמְחָה, אִיז עֶס אוֹיךְ נָאר וַוייל בִּיז יֶעצְט הָאט עֶפֶּעס גֶעפֶעלְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶס פֶעלְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ קִינְדֶער אָדֶער עֶס פֶעלְט אִים גֶעלְט, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶערָאכְטְן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד אָדֶער פַארְדִינְט גֶעלְט.

> אוּן בַּיי מִיר טְרֶעפְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גָאר נִיט אָן. אַז אִיךְ זָאל הֶערִין זֵייעֶר חִסָּרוֹן, וָוארִין אִיךְ לֶעבּ אַזוֹי אַ חַיִּים טוֹבִים וָואס סֶע הָאט גָאר קֵיין שׁוּם חִסָּרוֹן נִיט.

## דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וִוי שְׁפִּילְצֵייג!

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע, בִּיסְט נִישְׁט וֶוערְד קַיין קְרֶעכְץ"; מֶען זֶעט אַז אַ קִינְד וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶוען זַיין קְלֵיינֶע שְׁפִּילְצֵייג צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ, אַן עֶלְטֶערֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט אָן דֶעם קִינְד נַארִישׁ, וֶועגְן דֶעם וֵויינְסְטוּ? עֶס אִיז דָאךְ נָאר אַ שְׁפִּילְצֵייג?! אָבֶער דֶער קִינְד'ס שֵׂכֶל אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעבּוֹיט, עֶר וֵויינְט אַפִילוּ אוֹיף שְׁפִּילְצֵייג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט אַן עֶכְטֶע קַאר אָדֶער הוֹיז טְרַאכְט עֶר אַז דָאס אִיז שׁוֹין יָא אַ פַארְלוּס, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שׁוֹין וֵויינֶען, אָבֶער דֶער צַדִיק וָואס לֶעבְּט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּקְט אָן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וִוי שְׁפִּילְצֵייג, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט וֶוערְד אַ קְרֶעכְץ, אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נַארִישְׁקֵייטְן. דָאס הָאט דֶער טוֹיבֶער בֶּעטְלֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ לֶעבּ אַזַא חַיִים טוֹבִים אַז אִיךְ זֶע נִישְׁט נִישְׁט קַיין שׁוּם חִסָרוֹן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט".

אוּן אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוֹיף אַז אִיךְ לֶעבּ חַיִים טוֹבִים, פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת. אוּן זַיין חַיִים טוֹבִים אִיז גִיוֶוען. עֶר הָאט גִיגֶעסִין בְּרוֹיט אוּן גִיטְרוּנְקֶען וַואסֶער. (הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט) בַּאֲשֶׁר סֶע פַארְהַאנֶדְן אַ מְדִינָה וָואס אִין אִיר אִיז גְרוֹיס עֲשִׁירוּת. זֵיי הָאבִּין גְרוֹיסֶע אוֹצְרוֹת.

### דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען מְקַנֵא

דֶער מְדִינָה מִיט דִי גְרוֹיסֶע אוֹצְרוֹת אוּן עֲשִׁירוּת גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן נה): "רֶוַח הָעוֹלָם הַזֶּה אֵין לְשַׁעֵר", מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען קֶען אַלְץ פַארְדִינֶען בָּזֶה הָעוֹלָם. אַפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים נָאךְ זֵייעֶר הִסְתַּלְּקוּת זֶענֶען מְקַנֵא אַ אִיד וָואס לֶעבְּט, וַוייל עֶר קֶען נָאךְ מַאכְן אַ בְּרָכָה אוּן קֶען נָאךְ קוּמֶען דַאוֶונֶען אִין שׁוּל, וָואס זֵיי הָאבְּן דָאס שׁוֹין נִישְׁט.

אַמָאל זֶענֶען זֵיי זִיךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען דִי עֲשִׁירִים. הָאט זִיךְ אִטְלִיכֶער אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בַּארִימֶען מִיט זַיין חַיִים טוֹבִים. וִוי אַזוֹי עֶר לֶעבְּט חַיִים טוֹבִים. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט דֶערְצֵיילְט. דֶער סֵדֶר פוּן זַיין חַיִים טוֹבִים.

דִי עֲשִׁירִים זֶענֶען מְרַמֵז אוֹיף דִי צַדִיקִים, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין דֶרֶךְ וִוי אַזוֹי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן.

דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "דִי אַלֶע זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען אֵיין מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיינְס, דִי זִיבְּן זַאכְן זֶענֶען דִי 'זִיבְּן בְּחִינוֹת' צוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען".

אוּן הָאבּ גִיזָאגְט צוּ זֵיי (דְהַיְינוּ דֶער טוֹיבֶער בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) אִיךְ לֶעבּ חַיִים טוֹבִים בֶּעסֶערֶע פוּן אַייךְ. וְהָא רְאָיָה. וָוארִין אַז אִיר לֶעבְּט חַיִים טוֹבִים הֶעלְפְט זֶע דֶער מְדִינָה.

דֶער סִימָן פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט אַ חַיִים טוֹבִים אִיז אַז עֶר וִויל הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר גֵייט 'הַפָּצָה', עֶר אִיז עוֹסֵק אִין מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

וָוארִין סֶע פַארְהַאנֶדְן אַ מְדִינָה וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַ גָארְטִין אוּן אִין דֶעם גָארְטִין אִיז גִיוֶוען פֵּירוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַלִירְלֵיי טַעֲמִים וָואס אִין דֶער וֶועלְט. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַלִירְלֵיי רֵיחוֹת וָואס אִין דֶער וֶועלְט. אוּן סֶע דָארְט גִיוֶוען אִין דֶעם גָארְטִין אַלִירְלֵיי מַרְאוֹת. וָואס פַאר אַ פַארְבּ אוּן אַלֶע קְוַוייטִין וָואס אִין דֶער וֶועלְט. אִיז אַלְץ גִיוֶוען דָארְט אִין דֶעם גָארְטִין.

### 'קְוַוייטִין' — מֵיינְט בְּלוּמֶען.

אוּן סֶע גִיוֶוען אִיבֶּער דֶעם גָארְטִין אֵיין אַ גֶערְטְנִיק (דְהַיְינוּ דֶער וָואס עֶר זֶעהְט צוּ דֶעם גָארְטִין), פְלֶעגְט דִי מְדִינָה צוּ לֶעבִּין חַיִים טוֹבִים דָארְךְ דֶעם גָארְטִין.

דֶער גְרָאדְנִיק גֵייט אַרוֹיף אוֹיפ'ן צַדִיק וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דוּרְךְ דֶער צַדִיק לֶעבְּט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַ חַיִים טוֹבִים.

אִיז דָארְט דֶער אַגְרָאדְנִיק פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. מֵיילֶא וָואס סֶע אִיז דָארְט דָא אִין דֶעם גָארְטִין. מוּז בְּוַודַאי שׁוֹין גָאר צוּ נִישְׁט וֶוערִין וָוארִין סֶע אִיז זִיךְ שׁוֹין נִיט דָא דֶער אַגְרָאדְנִיק. וָואס עֶר זָאל דֶעם גָארְטִין צוּ זֶעהְן אוּן זָאל זִיךְ פָארִין אַרוּם אִים וָואס מֶע בַּאדַארְף אַרוּם דֶעם גָארְטִין צוּ טָאן.

'דֶער גְרָאדְנִיק אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן' - מֵיינְט אַז דֶער צַדִיק אִיז בַּאהַאלְטְן פוּן דִי וֶועלְט, אַלֶע רֶעדְן אוֹיף אִים אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן אִים.

לוּשְׁמִיר.

'לוּשְׁמִיר' - מֵיינְט אָבֶער.

זֵיי וָואלְטִין נָאךְ גִיקָאנְט לֶעבִּין פוּן דִי סְפִיחִים פוּן דֶעם גָארְטִין (דְהַיְינוּ פוּן דֶער וִוידֶער וַואקְסוּנְג. דְהַיְינוּ דָאס וָואס סֶע וַואקְסְט אִין אַ גָארְטִין אַלֵיין פוּן דֶעם וָואס סֶע פַאלְט אַרָאפּ).

אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ מֶלֶךְ אַכְזָר (כְּלוֹמַר אֵיין אוּם דֶערְבַּארִימְקֶער) אוֹיף דֶער מְדִינָה אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גָאר נִיט גִיקֶענְט טָאן.

דֶער 'מֶלֶךְ אַכְזָר' אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם. דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם קֶען גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דִי חַיִים טוֹבִים פוּן דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי הָאבִּין פוּן דֶעם גָארְטִין. אוּן נִיט עֶר הָאט כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם גָארְטִין. נָאר עֶר הָאט אִיבֶּער גִילָאזְט אִין דֶער מְדִינָה. דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט. אוּן עֶר הָאט זֵיי אָן גִיזָאגְט. אַז זֵיי זָאלִין טָאן דָאס וָואס עֶר הָאט זֵיי גִיהֵייסִין. אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן. דָאס וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גִיהֵייסִין. דוּרְךְ דֶעם. הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם טַעַם. וָוארִין דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן. דוּרְךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי גִימַאכְט. אַז וֶוער סֶע וֶועט וֶועלִין פִילִין אַ טַעַם. זָאל דָאס הָאבִּין אַ טַעַם פוּן נְבֵילָה.

דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן טוּן הָאט מֶען פַארְלוֹירְן דֶעם טַעַם, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ טַעַם פוּן נְבֵלָה.

אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם רֵיחַ אַז אַלֶע רֵיחוֹת זָאלִין הָאבְּן אַ רֵיחַ פוּן חֶלְבְּנָה. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דִי מַרְאָה. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט. אַז סֶע זָאל זַיין טוּנְקִיל אִין דִי אוֹיגִין. אַזוֹי וִוי סֶע אִיז אַז סֶע וָואלְקִינְדִיק.

מֶען הֶערְט אַלְץ מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז זֵיי לַאנְגְוֵוייליג, עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי פַארְוָואלְקֶענְט, - דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן דִי עֲבֵירָה וָואס דֶער רֶבִּי וֶועט בַּאלְד זָאגְן אַז דִי עֲבֵירָה מַאכְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן.

(דָאס הָאבִּין דִי דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט אַלְץ אָנְגִיאַרְבֶּעט אִין דֶער מְדִינָה דָארְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גִיהֵייסִין כַּנַּ"ל). הַיְינְט אַז אִיר לֶעבְּט חַיִים טוֹבִים הֶעלְפְט זֶע דֶער מְדִינָה. (אַזוֹי זָאגְט אַלְץ דֶער טוֹיבֶער בֶּעטְלֶער צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ בַּארִימְט אַז זֵיי לֶעבִּין חַיִים טוֹבִים כַּנַּ"ל), אוּן אִיךְ זָאג אַייךְ אַז

איר וֶועט זֵיי נִיט הֶעלְפִין. וֶועט עֶס אַייךְ אוֹיךְ שַׁאטְן. (דְהַיְינוּ דָאס וָואס בַּיי דֶער מְדִינָה אִיז כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי מַרְאֶה אוּן דֶער טַעַם אוּן דֶער רֵיחַ. דָאס וֶועט אַייךְ אוֹיךְ דֶער לַאנְגֶען).

הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין דִי עֲשִׁירִים הַנַּ"ל. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער מְדִינָה אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִילֶעבְּט אִיטְלִיכֶער זַיין חַיִּים טוֹבִים וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אוֹצְרוֹת כַּנַּ"ל. וִוי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען נָאהְנְט צוּ דֶער מְדִינָה. הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין בַּיי זֵיי אוֹיךְ כַּלְיָא צוּ וֶוערִין. דֶער טַעַם אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע זַאכִין הָאבִּין זֵיי דֶערְפִילְט אַז סֶע אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארְן. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ זֵיי. מַיידוּךְ הַיינְט אַז אִיר זֶענְט נָאךְ נִיט אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מְדִינָה. אִיז שׁוֹין בַּיי אַייךְ כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶער טַעַם אוּן דִי מַרְאָה אוּן דֶער רֵיחַ. וִוי וֶועט שׁוֹין זַיין. אַז אִיר וֶועט אַהִין אַרַיין גֵיין. אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וִוי קָאנְט אִיר זֵיי נָאךְ הֶעלְפִין. הָאבּ אִיךְ גִינוּמֶען מַיין בְּרוֹיט אוּן מַיין וַואסֶער.

### דֶער רֶבִּינְ'ס בְּרוֹיט אוּן וַואסֶער

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן זַיין בְּרוֹיט אוּן וַואסֶער דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס חִידוּשֵׁי תּוֹרָה מִיט הִתְחַזְּקוּת.

אוּן הָאבּ זֵיי גִיגֶעבְּן. הָאבִּין זֵיי גִיפִילְט אִין מַיין בְּרוֹיט אוּן וַואסֶער אַלֶע טַעֲמִים (אוּן אַלֶע רֵיחוֹת וְכוּ') אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי פַארְעֶנְבְּט גִיוָוארִין וָואס סֶע אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארִין. (דְהַיְינוּ דֶער טַעַם אוּן דִי מַרְאָה אוּן דֶער רֵיחַ).

אוּן יֶענֶע מְדִינָה. דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה וָואס בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶוען דֶער גָארְטִין (וָואס בַּיי זֵיי הָאט מֶען כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם טַעַם וְכוּ' כַּנַּ"ל) הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִיהוֹיבִּין אַרוּם צוּ קוּקִין אַז זֵיי זָאלִין פַאר רֶעכְטִין דִי מְדִינָה וָואס בַּיי זֵיי אִיז כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶעם טַעַם וְכוּ' הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. בַּאֲשֶׁר סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת (דְהַיְינוּ טַאקֶע דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת הַנַּ"ל וָואס דֶער בֶּעטְלֶער הָאט מִיט זֵיי גִישְׁמוּסְט כַּנַּ"ל) אִיז זֵיי גִיפֶעלִין (דְהַיְינוּ דֶער מְדִינָה וָואס דֶער גָארְטִין אִיז דָארְטִין גִיוֶוען אִיז זֵיי גִיפֶעלִין) אַז דֶער אַגְרָאדְנִיק זֵייעֶרֶער וָואס עֶר אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין (וָואס דוּרְךְ אִים הָאבְּן זֵיי גִילֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים) אִיז עֶר פוּן אֵיין שׁוֹרֶשׁ מִיט דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת. וָואס זֵיי לֶעבִּין אוֹיךְ חַיִּים טוֹבִים. אִיבֶּער דֶעם אִיז זֵיי גִיפֶעלִין דִי עֵצָה. אַז זֵיי זָאלִין שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת. זֵיי וֶועלִין זֵיי בְּוַודַּאי הֶעלְפִין. הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן זֵיי הָאבִּין גִישִׁיקְט שְׁלוּחִים צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת. זֶענֶען דִי שְׁלוּחִים גִיגַאנְגֶען הָאבִּין זֵיי אֵיינְם דָאס אַנְדֶערֶע בַּאגֶעגִינְט. (דְהַיְינוּ דִי שְׁלוּחִים הָאבִּין זִיךְ בַּאגֶעגִינְט מִיט דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת אוֹיף דֶעם וֶועג. וָוארִין דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת הָאט זִיךְ צוּ זֵיי גִיוָואלְט גֵיין כַּנַּ"ל) הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דִי שְׁלוּחִים וואוּ הִין גֵייט אִיר. הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶערְט מִיר גֵייעֶן צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת אַז זֵיי זָאלִין אוּנְז הֶעלְפִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפִין. מִיר זֶענֶען דָאס אַלֵיין דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת. אוּן מִיר גֵייעֶן צוּ אַייךְ. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפִין (דְהַיְינוּ דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלֶין) צוּ זֵיי. אִיר בַּאדַארְפְט זִיךְ צוּ מִיר. וָוארִין אִיר קָאנְט זִיךְ נִיט גֵיין אַהִין אוּן זָאלְט זֵיי הֶעלְפִין כַּנַּ"ל. (וָוארִין אַז זֵיי זֶענֶען נָאר גִיוֶוען נָאהְנְט צוּ דֶער מְדִינָה הָאט זֵיי אַלֵיין שׁוֹין אוֹיךְ גִישַׁאט. מִכָּל שֶׁכֵּן וְכוּ' כַּנַּ"ל) בְּכֵן בְּלַייבְּט אִיר דָא אוּן אִיךְ וֶועל גֵיין מִיט דִי שְׁלוּחִים. צוּ הֶעלְפִין זֵיי.

בִּין אִיךְ גִיגַאנְגֶען מִיט דִי שְׁלוּחִים. אוּן בִּין גִיקוּמֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. בִּין אִיךְ אַרַיין גִיקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט אַרַיין. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. סֶע קוּמֶען מֶענְטְשְׁן. אוּן סֶע זָאגְט אֵיינֶער אַ וֶוערְטִיל. אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען נָאךְ צוּ גִיקוּמֶען מֶענְטְשְׁן בִּיז סֶע גִיוָוארִין אַ רֶעדִיל מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט וֶוערְטְלִיךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין גִילַאכְט הָאבּ אִיךְ מִיךְ צוּ גִיהֶערְט וָואס שְׁמוּסִין זֵיי. הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט. זֵיי רֵיידִין נִיבּוּל פֶּה. אוּן דֶער זָאגְט אַ וֶוערְטִיל פוּן נִיבּוּל פֶּה. אוּן דֶער זָאגְט אַבִּיסִיל אֵיידְלֶער אוּן דֶער לַאכְט אוּן דֶער הָאט הֲנָאָה אוּן דֶעסְט גְלַייכִין אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז. דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען אִין אֵיין אַנְדֶערֶע שְׁטָאט. (פוּן דֶער מְדִינָה) הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגִין זִיךְ. אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין. מַחְמַת עֶפֶּעס אַ מַשָּׂא וּמַתָּן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען צוּם בֵּית דִין זִיךְ לָדוּן. הָאט זֵיי דָאס בֵּית דִין גִיפַּסְקִ'ט. דֶער אִיז זַכַּאי אוּן דֶער אִיז חַיָּיב. זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם בֵּית דִין דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ ווִידֶער צוּקְרִיגְט. אוּן הָאבִּין גִיזָאגְט אַז זֵיי ווִילִין שׁוֹין נִיט דָאס בֵּית דִין נָאר זֵיי ווִילִין אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִילָאדִין פַאר יֶענֶעם בֵּית דִין. דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ ווִידֶער צוּ קְרִיגְט אֵיינֶער פוּן דִי דָאזִיגֶע מִיט אֵיין אַנְדֶערִין הָאבִּין זֵיי זִיךְ ווִידֶער אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין. אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט וַוייטֶער צוּ קְרִיגְט. דֶער מִיט דֶעם. אוּן דֶער מִיט דֶעם. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַלֶע מָאל אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין. בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז פוּל גִיוֶוען מִיט בָּתֵּי דִינִים. הָאבּ אִיךְ אַ קוּק גִיטָאן. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. אַז דָאס אִיז מַחְמַת סֶע אִיז דָארְט קֵיין אֶמֶת נִיט דָא. אוּן הַיינְט אִיז דֶער מַטֶּה דִין אוּן אִיז נוֹשֵׂא פָּנִים צוּ דֶעם. (כְּלוֹמַר עֶר חַנְפִּיט יֶענֶעם אוּן פַּסְקִ'ט אִים צוּ) אוּן דֶערְנָאךְ אִיז יֶענֶער נוֹשֵׂא פָּנִים אִים (כְּלוֹמַר דֶערְנָאךְ פַּסְקִ'ט יֶענֶער ווִידֶער אִים צוּ) וָוארִין זֵיי נֶעמֶען שׁוֹחַד אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי קֵיין אֶמֶת נִיט דָא.

דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן אַז זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט נִיאוּף אוּן סֶע אִיז דָארְט זֵייעֶר פִיל נִיאוּף בִּיז סֶע אִיז שׁוֹין גָאר בַּיי זֵיי גִיוָוארִין וִוי אַ הֶיתֵּר. הָאבּ אִיךְ זֵיי גִיזָאגְט. אַז דֶער אִיבֶּער אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארִין. דֶער טַעַם אוּן דֶער רֵיחַ אוּן דִי מַרְאֶה וָוארִין דֶער מֶלֶךְ דֶער אַכְזָר הַנַּ"ל. עֶר הָאט בַּיי זֵיי אִיבֶּער גִילָאזְט. דִי דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט הַנַּ"ל. אַז זֵיי זָאלִין אוּם גֵיין אוּן זֵיי זָאלִין כַּלְיָא מַאכִין דִי מְדִינָה. וָוארִין זֵיי זֶענֶען אוּם גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין גִירֶעט צְווִישְׁן זֵיי נִיבּוּל פֶּה. אוּן זֵיי הָאבִּין אַרַיין גִיבְּרַאכְט נִיבּוּל פֶּה אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. אוּן דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה אִיז בַּיי זֵיי דוּרְךְ דֶעם כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶעם טַעַם אַז אַלֶע טַעֲמִים הָאבִּין אֵיין טַעַם פוּן נְבֵילָה.

### נִיבּוּל פֶּה

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא אַז דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן נִיבּוּל פֶּה. מֶען קֶען הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין 'טַעַם' אִין לֶעבְּן", וַוייל אַז מֶען רֶעדְט 'נִיבּוּל פֶּה' פַארְלִירְט מֶען דֶעם 'טַעַם' אִין לֶעבְּן.

וֶוען מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְן נִישְׁט אֵיידְל אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ פַארְפוֹילְט, אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט עֶר אוֹיס וִוי אַ חָשׁוּב'עֶר מֶענְטְשׁ; אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן אַ): "מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל-פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז פוּל מִיט עֲבֵירוֹת.

בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֶרְגֶערֶע זַאךְ וִוי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה! אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ שְׁמוּעֶסְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַלְס אַ קִינְד וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צְוֶועלְף יָאר, פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הַיינְט זֶענֶען זֵיי שֵׁיינֶע רַבָּנִים, בַּאלְד

שְׁרַייבְּן זֵיי שׁוֹין אוּנְטֶער אוֹיף אַ קוֹל קוֹרֵא, אוּן דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע וֶוערְטֶער, עַד הַיּוֹם קֶען אִיךְ זֵיי נִישְׁט קוּקְן אִין פָּנִים, עֶס עֶקְלְט מִיר זֵייעֶר.

### רוּחַ הַקוֹדֶשׁ צוּזַאמֶען מִיט נִיבּוּל פֶּה...

דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי סִיבּוֹת פַארְוָואס אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט שְׁלֶעפְּן צוּ אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז פַארְהַאן מוֹפְתִים אוּן אָפֶענֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. אֵיינֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה וָואס אִיז מְקוֹרָב צוּ עֶפֶּעס אַ רֶבִּי, הָאט מִיר נָאכְגֶעזָאגְט בְּשֵׁם זַיין רֶבִּי מַמָּשׁ אָפֶענֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פוּן מִיר אִינְדֶערְהֵיים, זַאכְן וָואס זֶענֶען נָאר צְוִוישְׁן מִיר אוּן מַיין וַוייבּ. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ שָׁכֵן וָואס הָאט גֶעהַאט פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט דִי רֶעגִירוּנְג, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶעם רֶבִּי וֶוען עֶר אִיז פוּנְקְט גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים טְרָאגְן אִין מִקְוֶה, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה בִּשְׁעַת קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעהֶערְט ווִי עֶר שְׁרֵייט קוֹלוֹת, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״דוּ בִּיסְט זַכַּאי!״ וְכָךְ הֲוָה, דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג אִיז פָארְגֶעקוּמֶען זַיין מִשְׁפָּט אוּן מֶען הָאט אִים גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַז עֶר אִיז פָּטוּר.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ׳וַואוּ דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אַלֶעס!׳ מַמָּשׁ אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ דֶערְצֵיילְן, אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן הָאט מֶען מִיר גְרִינְג גֶעקֶענְט שְׁלֶעפְּן צוּ זֵייעֶר חֲבוּרָה, בִּין אִיךְ אַהִין גֶעגַאנְגֶען. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶר חֲבוּרָה הָאט מִיר אֵיין זַאךְ גֶעבַּאדֶערְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, מֶען רוּפְט זִיךְ אָן דְזְשָׁאוּקְס פוּן נִיבּוּל פֶּה, ווִידֶער וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּם בֵּית הַמֶדְרָשׁ ׳הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט דֶערְצֵיילְן קַיין אֵיין מוֹפֵת פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען זוֹיבֶּערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵייעֶר תְּמִימוּת׳דִיג, מֶען רֶעדְט דָארְט פוּן פָּשׁוּטְ׳עֶ זַאכְן ווִי פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעצוֹיגְן. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וָואס גֵייט צוּזַאמֶען מִיט נִיבּוּל פֶּה בְּאִצְטְלִיתָא דְרַבָּנָן!

### רֶעד נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה!

אִינְגֶעלַייט דַארְפְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין רֶעדְן זוֹיבֶּער, אוֹיבּ זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן שְׁמוּצִיג בַּיי דַיין אַרְבֶּעט, אַפִילוּ נָאר מִיט רְמָזִים, אַפִילוּ דוּ הָאסְט דֶעם קְלֶענְסְטְן אַמְט צְוִוישְׁן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים וָואס פִירְן אָן דִי גַאנְצֶע גֶעשֶׁעפְט, זָאלְסְטוּ יֶענֶעם זָאגְן אָן מוֹרָא: ״רֶעד נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה!״ וֶועְרְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן יֶענֶעמְ׳ס גֶעלְט, אַפִילוּ עֶר מַאכְט אַ חֲתוּנָה פוּן צְוֵויי מִילְיָאן דָאלֶער, אִיז עֶר אַ פָּשׁוּטֶ׳ער מְשׁוּגֶענֶער, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן סד) אַז אַלֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען רוּבָּם כְּכוּלָם מְשׁוּגָעִים.

אַפִילוּ אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט צוּזַאמֶען מִיט, דַארְף מֶען אָנְזָאגְן דִי גוֹי׳אִישֶׁע אַרְבֶּעטֶער: ״דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן שְׁמוּצִיג!״ וֶועסְטוּ זֶעט אַז אַפִילוּ דֶער גוֹי וֶועט דִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַזוֹי ווִי מֶען בַּאדִינְט אַ מַלְאָךְ... עֶר וֶועט דִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעסְפֶּעקְטִירְן.

אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אַרַיין גִיבְּרַאכְט שׁוֹחַד אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי מַרְאָה אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי טוּנְקִיל גִיוָוארִין אִין דִי אוֹיגְן. וָוארִין אַזוֹי שְׁטֵייט כִּי הַשּׁוֹחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים. כְּלוֹמַר שׁוֹחַד מַאכְט בְּלִינְד דִי אוֹיגְן. אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי קְנֶעכְט אַרַיין גִיבְּרַאכְט נִיאוּף אִין דֶער מְדִינָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶער רֵיחַ וָוארִין דוּרְךְ נִיאוּף וֶוערְט כַּלְיָא דֶער רֵיחַ.

### דוּרְךְ נִיאוּף וֶוערְט מֶען אִין כַּעַס

דֶער גֶערוּךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס, וָואס דֶער צָארְן קוּמְט פוּן דִי נָאז; דוּרְךְ נִיאוּף וֶוערְט מֶען אִין כַּעַס. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קפד): ״בְּהַחֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף״, מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ נוֹאֵף דוּרְךְ זַיין נָאז; אִיז מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דָאס מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס. אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג אִין כַּעַס, עֶר רֶעגְט זִיךְ, עֶר שְׁרֵייט אוּן צֶעבְּרֶעכְט זַאכְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן מז): **״הַנּוֹאֲפִים לָרֹב הֵם מִתְנַגְּדִים לַצַּדִּיקִים״**, דִי וָואס קְרִיגְן אוּן שְׁפֶּעטְן אוֹיף צַדִּיקִים - זֶענֶען בַּעֲלֵי עֲבֵירָה; אִינְדְרוֹיסְן קֶען עֶר גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַ שֵׁיינֶע רֶעשְׁוָואלְקֶע, מִיט שֵׁיינֶע גֶעפֶּעפֶּעטֶע הוֹיזְן אוּן סְטְרָאקֶעס, אָבֶּער אִינֶעוֵויינִיג אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פוּל מִיט נִיאוּף. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אֵייבִּיג זָאגְן: **״וֶוער עֶס רֶעדְט קֶעגְן צַדִּיקִים, וֶוער עֶס רֶעדְט קֶעגְן זַיינֶע סְפָרִים, קֶען עֶר שְׁוֶוערְן מִיט אַ סֵפֶר תּוֹרָה אִיז יֶענֶער אִיז אַ נוֹאֵף!״** מֶען הָאט זִיךְ אַלְץ גֶעוואוּנְדֶערְט, ׳יֶענֶער קוּקְט דָאךְ אוֹיס צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?׳ אָבֶּער צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אַלְץ אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט דֶער אֱמֶת, עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיס קוּמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס דִי מֶענְטְשְׁן טוּעֶן.

■ **הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט נָאכְפָּאלְגְן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם** ■


בס״ד

כולל

היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט״א

לעילוי נשמת

האשה החשובה ברײנדל ראכל

בת ר׳ נפתלי צבי הכהן ע״ה

נתנדב על ידי ידידינו מו״ה חיים זאנוויל

אפפעלדארפער הי״ו





קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876